בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

אמוד
י"ט אייר תשפ"ה

גליון מס': קל"ד
שנה ג'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:54 |
| מוצש"ק | 8:12 |
| ר"ת | 8:48 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:16 | סוז"ת א' 9:42 |
| סוזק"ש ב' 9:05 | סוז"ת ב' 10:15 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב המערכת

## דער געוואלדיגער גרויסקייט פון א לֵב נִשְׁבָּר

איינער פון די תלמידים פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין איז געווען אן עני ואביון, און ווען עס איז אנגעקומען ערב פסח האט ער נישט געהאט מיט וואס איינצוקויפן די יו"ט געברויכן. זיין הייליגער רבי וועלכער האט דאס אלעס געזען ברוח הקודש, האט געזען דער צער פון זיין תלמיד, און האט באפוילן איינער פון זיינע שטיצער וועלכער איז געווען אן עושר, אז ער זאל צופארן צו זיין תלמיד און אנפולן זיין הויז מיט אלע געברויכן פונעם יו"ט בהרחבה גדולה. דער עושר האט געפאלגט דעם רבי'ן, און גלייך אנגעפולט א וואגן מיט דאס שענסטע און דאס בעסטע, און האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום שטאט פונעם ארימען תלמיד.

אנקומענדיג, האט ער אנגעפולט דעם הויז מיט כל טוב, און דורכדעם האט זיך דער גייסט פונעם ארימען תלמיד דערהויבן, און א געוואלדיגע שמחה האט אנגעפולט זיין הארץ דערפאר וואס דער אויבערשטער האט אים מזכה געווען מיט אלע געברויכן פונעם הייליגן יו"ט. וויבאלד ער האט זוכה געווען צו התרוממות הדעת, האט ער געפראוועט דעם ערשטן סדר נאכט אויף גאר א געהויבענעם שטייגער, אבער ווען עס איז געקומען דער צווייטער סדר נאכט, האט א געבעטן אז ער וויל זיך אביסל אפרוען איידער מען הייבט אן דעם סדר, נאר צוליב זיין מידקייט איז ער איינגעזינקען געווארן אין א טיפן שלאף. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האט ער געזען אז עס איז נישט געבליבן קיין סאך צייט ביז חצות, און ווענדיג עסן דעם אפיקומן בזמנו, האט ער געפראוועט דעם סדר אין גרויס איילעניש, און פארפעלט די כוונות וואס ער האט נעכטן מכוון געווען, און אזוי איז אים געלונגען צו עסן דעם אפיקומן בזמנו, נאר וויבאלד ער האט זיך געדארפט אזוי איילן איז ער געווען זייער צובראכן ביי זיך, אז ער איז אנגעקומען דערצו, צו פראווען דעם סדר מיט אן איילעניש.

ווען ער איז שפעטער געפארן צו זיין רבי'ן, האט אים דער הייליגער חוזה געזאגט ווי פאלגנד: ביים ערשטן סדר ביסטו טאקע געווען אין די 'עולמות', אבער דאס אלעס קומט נישט צו צום גרויסקייט פונעם צווייטן סדר ווען דו האסט זוכה געווען צו א לב נשבר.

ווייל יעדע מעלה איז ווירקליך א מעלה, אבער א 'לב נשבר' און זיך האלטן קליין, דאס שטייגט איבער אלעס.

אין די פרשה פון די וואך, זענען די כהנים באפוילן געווארן אז 'לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו', און רש"י איז מדייק, פְּרַט לְמֵת מִצְוָה. קען מען זאגן, אז די תורה קומט דא מרמז זיין אויפן אויבנדערמאנטן ענין, וויבאלד דער נפש איז דאך דער 'חלק רוחני' פונעם מענטש, און אויב צוליב זיין חלק הרוחני איז ער געווארן א 'בעל בעמיו', און ער פילט זיך שוין א 'יש', האט די תורה באפוילן פארן צדיק וואס ער איז בבחינת 'כהן', אז ער זאל זיך דערווייטערן פון דער מענטש, וויבאלד ער איז אימשטאנד צו טמא ווערן דורך אים.

און דעריבער קומט רש"י און ער זאגט 'פְּרַט לְמֵת מִצְוָה', מיינענדיג דערמיט דער וועלכער איז מקיים די מצוות, נאר ער זעט נישט אין זיך עפעס א ספעציעלע מעלה, און דעריבער האלט ער זיך קליין אין זיינע אויגן, אזוי ווי א 'מת', צו אזא מענטש, אפילו אויב פון די אנדערע זייט האסט געטראפן אין אים עפעס א פגם, פונדעסטוועגן איז א מצוה טמא צו ווערן אין אים, און אים מקרב זיין, אים מחזק זיין און דערהייבן, וויבאלד זיך קליינהאלטן איז דער כלי צו צוברענגען דעם מענטש צו שלימות.

(עפ"י טיב השיחות – אמור)

## טיב הפרשה

# במערת צורים שעמדת שם קנית הודך והדרך

## די גרויסע שמחה פון ל"ג בעומר

די וואך וועלן טויזנטער אידן פון די גאנצע וועלט זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון רבי שמעון בר יוחאי און טאנצן בתופים ובמחולות און זיך פרייען בשמחת הרשב"י.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם טאג ווערט שווער א קשיא ולשמחה מה זו עושה? וואס איז די גרויסע שמחה אין דעם טאג?

מען טרעפט נישט אין קיין שום ארט אז א יארצייט טאג איז א יום של שמחה? מען טרעפט פארקערט, עס ווערט געברענגט אין אורח חיים [סימן תק"פ] אז ביי א טאג פון די פטירה פון צדיקים פאסט מען, אבער דא איז עס אנדערש - דא מאכט מען פון דעם א יום שמחה?

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז די שמחה נעמט זיך פון דער גרויסער גילוי וואס דער תנא האלקי רשב"י האט מגלה געווען פאר די וועלט. אין לויף פון די דורות האט ער מגלה געווען אסאך גרויסע גילויים, אבער איינס פון די שטארקע גילויים וואס איז נוגע פאר כלל ישראל אין אלע דורות איז דער גילוי פון 'במערת צורים שעבדת שם קנית הודך והדרך'.

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די שוועריגקייטן וואס רשב"י איז אריבער און וואס עס מיינט צו וואוינען 13 יאר אין א מערה און לעבן אין פחד אז מען גייט אים כאפן און אויך נישט געניסן פון קיין שום אומשטענדן, און אנשטאט אז ער זאל ארויסקומען צוקלאפט און צעשמעטערט איז ער ארויסגעקומען א קדוש וטהור, ווי דער פייטן איז מעיד אז דווקא דארט האט ער קונה געווען די הוד והדר - איז עס א שטארקער לימוד אז אין יעדער מצב אין וואס מען איז קען מען אויסנוצן לטובה און קונה זיין מעלות רמות עד למאוד, און דאס איז דער גורם צו די גרויסע שמחה וואס מיר שפירן אין דעם טאג.

בדרך רמז קען מען זאגן אויף דעם טאג דער פסוק [תהלים קיח, כד] זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, אז עס גייט ארויף אויף דעם טאג.

אין שלחן ערוך [או"ח סימן קלא] ווערט געברענגט אז ל"ג בעומר זאגט מען נישט קיין תחנון. דער מגן אברהם [סקי"ז] צייכנט צו אז עס איז געווען א איד וואס האט כל ימיו געזאגט 'נחם' ביי בונה ירושלים און ער האט אויך געזאגט ל"ג בעומר און איז נענש געווארן אויף דעם - ווייל ל"ג בעומר איז א יום טוב.

דער מקור אז דער טאג איז א יום טוב איז דער אר"י הק'. זיין תלמיד רבי חיים וויטאל זצ"ל ברענגט אראפ אין שער הכוונות [דרושי הפסח דרוש י"ב] דער ענין

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

באריכות, און מיר ציטירן דא לשונו בקודש: ענין מנהג שנהגו ישראל ללכת ביום ל"ג לעומר על קברי רשב"י ורבי אלעזר בנו אשר קבורים בעיר מירון כנודע, ואוכלים ושותים ושמחים שם, אני ראיתי למורי ז"ל שהלך לשם פעם אחת ביום ל"ג לעומר הוא וכל אנשי ביתו, וישב שם שלשה ימים ראשונים של השבוע ההוא, וזה היה פעם הא' שבא ממצרים, אבל אין אני יודע אם אז היה בקי ויודע בחכמה הזו הנפלאה שהשיג אח"כ. וה"ר יונתן שאגי"ש העיד לי שבשנה הא' קודם שהלכתי אני אצלו ללמוד עם מורי ז"ל, שהוליך את בנו הקטן שם עם כל אנשי ביתו ושם גילחו את ראשו כמנהג הידוע ועשה שם יום משתה ושמחה.

ער איז ממשיך דארט: גַּם הֵעִיד הה"ר אַבְרָהָם הַלֵּוִי כִּי בְּשָׁנָה הַנִּזְכָּר הָלַךְ גַּם הוּא שָׁם, וְהָיָה נוֹהֵג לוֹמַר בְּכָל יוֹם בְּבִרְכַּת 'תִּשְׁכּוֹן', 'נַחֵם ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת אֲבֵלֵי צִיּוֹן כו'' וְגַם בִּהְיוֹתוֹ שָׁם אָמַר 'נַחֵם כו'', וְאַחַר שֶׁגָּמַר הָעֲמִידָה אָמַר לוֹ מוֹרִי ז"ל כִּי רָאָה בְּהָקִיץ אֶת רשב"י ע"ה עוֹמֵד עַל קִבְרוֹ, וְאָמַר לוֹ אֱמוֹר אֶל הָאִישׁ הַזֶּה אַבְרָהָם הַלֵּוִי כִּי לָמָּה אוֹמֵר 'נַחֵם' בְּיוֹם שִׂמְחָתֵנוּ, וְהִנֵּה לָכֵן הוּא יִהְיֶה בְּנֶחָמָה בְּקָרוֹב. וְלֹא יָצָא חֹדֶשׁ יָמִים עַד שֶׁמֵּת לוֹ בֵּן אֶחָד וְקִבֵּל עָלָיו תַּנְחוּמִין. וְכָתַבְתִּי כָּל זֶה לְהוֹרוֹת כִּי יֵשׁ שׁוֹרֶשׁ בְּמִנְהָג הַזֶּה הַנִּזְכָּר, וּבִפְרָט כִּי רשב"י ע"ה הוּא מֵחֲמִשָּׁה תַּלְמִידָיו הַגְּדוֹלִים שֶׁל ר' עֲקִיבָא, וְלָכֵן זְמַן שִׂמְחָתוֹ בְּיוֹם ל"ג לָעֹמֶר וכו'. ביז אהער – די ווערטער פון רבינו חיים וויטאל זצ"ל.

עס קען זיין אז וועגן דעם איז דער תלמיד באשטראפט געווארן ווייל דער עיקר פון דעם טאג איז די שמחה מיט יסורים, אז אפילו אויב עס קומט אויפ'ן מענטש יסורים, דארף מען זיין בשמחה.

דאס איז דער יסוד פון דעם טאג און אין די נקודה דארף מען זיך שטארקן אין דעם טאג. אסאך מאל ווען א איד גייט אריבער א שווערינקייט דאווענט ער אז די שווערינקייט זאל אריבערגיין, אבער דער טאג איז מגלה די בחינה פון 'שמחים ביסורים' אז מען דארף זיין פרייליך מיט די יסורים און וויסן אז זיי זענען לטובה ווי חז"ל זאגן [ברכות דף ס'] אויפ'ן פסוק אין תהלים [קא. א] חסד ומשפט אשירה, אז אייביג וועל איך זינגען פאר דיר סיי אויב עס איז 'חסד' און סיי אויב עס איז 'משפט' וועט אייביג זיין 'אשירה'.

די בחינה זענען מיר קונה פון דעם הייליגן תנא און די בחינה שיינט אריין ביי אונז דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר. דער טאג און דער תנא לערנט אונז אויס אז די שמחה איז נישט געבינדן מיט די ישועה - אז אזוי לאנג ווי מען קוקט ארויס אויף די ישועה איז מען צובראכן און ווען עס קומט צוגיין די ישועה ווערט מען בשמחה - נאר אויך ווען מען ליידט די יסורים איז מען בשמחה ווייל מען קוקט אן די יסורים מיט א גוטער בליק - מיט א פאזיטיווקייט, דער מערת צורים וואס יעדער איד גייט אריבער איז אויך די ארט וואו ער איז קונה זיין 'הוד והדר'.

דער טאג און דער מקום העלפט אונז צו פארשטיין אז יעדער מצב איז ריין טוב און אז מיר דארפן זיך 'מדבק' זיין אין איר און עס מיטנעמען ווייל אין דער 'מערת צורים' באהאלט זיך א הוד, א הדר, וואס דאס קען מען נאר קונה זיין דארט אין אזא מצב, און ווי דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע זאגט אין פרשת וישב אויפ'ן פסוק שויתי ה' לנגדי תמיד אז אויך דער 'נגד' - די התנגדות וואס איז גורם אז איך זאל אראפפאלן פון מיין מדריגה איז אויך ה' - ווייל אויך אין דעם איז דא די טובה.

זאל הקב"ה העלפן אז אין דעם גרויסן טאג זאל מען קענען אנקומען צו א הויכע דרגה און זוכה זיין צו זען מיט א בהירות די הייליגע בחינות און נתעלה ווערן מעלה מעלה, און די שמחה זאל ממשיך זיין די אמת'ע שמחה פון ביאת המשיח במהרה בימינו אמן ואמן.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# כל דכפין ייתי ויכול

# א פסח סדר בהרחבה גדולה

אט די געשיכטע האט פאסירט מיט מיר עטליכע יאר צוריק.

איך האב א מאמע וואס איז שוין עטליכע יאר אן אלמנה. זוכנדיג איר צו דערפרייען אויף פסח האב איך באשלאסן אז איך און די משפחה וועלן זיך ארויסלאזן צו איר אויף יום טוב.

מיר וואוינען אין חיפה און מיר האבן געדארפט אנקומען קיין קרית ספר, עס איז א שטיקל מהלך, אבער מיר האבן זיך ארויסגעלאזט בעוד מעוד, מיט אלע געקאכטע עסן.

מיר האבן איינגעפאקט אלעס וואס מען דארף האבן און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. מיר זענען ארויס אויפ'ן וועג ווען עס איז נאך געווען בעוד היום גדול און זיך גענרייט אנצוקומען באצייטנס צו איר.

נאך זייענדיג אויפ'ן וועג האט זיך איין רעדל צובראכן אבער מיר האבן זיך נישט דערשראקן. אין יעדער קאר איז דא אן איבריגע רעדל, מיר האבן ארויסגענומען דער רעדל פון אונזער קאר און עס ארויפגעלייגט אויף איר.

עס איז אריבער א שטיק צייט און נאך א רעדל האט זיך צובראכן.

יעצט האבן מיר שוין נישט געהאט קיין אנדערע רעדל און מיר האבן געווארט אז דורכרייזענדע קארען זאלן זיך אפשטעלן און אונז פארבארגן א רעדל. עס האט גענדויערט א שטיק צייט און דאס האט פאסירט און א איד האט זיך אפגעשטעלט און אונז פארבארגט א רעדל.

מיר האבן ארויפגעלייגט דעם רעדל און ממשיך געווען אין אונזער וועג. עס איז שוין געווען זייער שפעט, אבער פונדעסטוועגן, אויב אלעס וואלט געגאנגען גלאטיג וואלטן מיר עס געקענט מאכן, נאר אינמיטן וועג האט דער קאר אנגעהויבן טאנצן און מיר האבן זיך געמוזט אפשטעלן.

עס האט אויסגעזען ווי מיר גייען עס נישט מאכן אויף יום טוב, מיר האבן זיך פארבינדן מיט מיין מאמע און איר דערציילט אז דער מצב איז שמאל און זי זאל אנהייבן קאכן אויף יום טוב.

מיר האבן זיך געטראפן ביי שקיעת החמה אינמיטן וועג און מיר זענען נאך אינמיטן וועג. זעענדיג אז עס איז צי ווייט האבן מיר פארקירט די קאר אין א זייטיגער וועג און זיך דערנענטערט צו די נעגנט'סטע ישוב וואס איז נאר דא און זענען אריין אין איר.

מיר האבן געקלערט אז מיר וועלן שלאפן אין די קאר און עסן די מאכלים וואס מיר האבן מיט אונז, מיר האבן געזוכט די שכינות'דיגע שול און דארט געדאווענט.

נאכ'ן דאווענען האבן מיר זיך געכאפט אז די מצה און די ווין האבן מיר געשיקט פאראויס און אז מיר זענען געבליבן אן דעם.

אן מצה און אן ווין קען מען נישט פראווענען קיין סדר נאכט, מיר האבן געזוכט איינער וואס קען אונז העלפן, אבער דער ישוב איז נישט געווען צי א פרומער ישוב, מיר האבן נישט געטראפן איינעם וועמען מיר קענען בעטן.

ביני לביני איז אריבער א חסיד'ישער בחור און מיר האבן אים געפרעגט צי ער קען אונז העלפן - דער בחור האט אויסגעזען צעמישט אבער ער האט אונז געהייסן קומען מיט אים. מיר האבן אים געפאלגט און זענען אים נאכגעגאנגען צו אים אין שטוב און ער האט דערציילט זיינע עלטערן וואס עס גייט דא פאר.

עס איז געווען קענטליך ווי זיינע עלטערן זענען אין א פארלעגנהייט, זעענדיג אז זיי זענען אזוי פארלוירן האבן מיר זיי געזאגט אז מיר האבן מיט אונז א שפע פון עסן אבער עס פעלט אונז נאר מצה און ווין.

הערנדיג דאס האבן זיי אונז איינגעלאדענט און ביני לביני האבן מיר פארשטאנען וואס עס גייט דא פאר.

דער איד איז לעצטענס געווארן א גרויסער יורד רח"ל, זייענדיג אן אמאליגער עושר האט ער זיך געשעמט צו בעטן הילף פון אנדערע.

צו דער סדר האט ער זיך געזעצט מיט אן ארעמע טיש, די איינציגסטער זאך וואס ער האט געהאט איז געווען מצה מיט ווין.

דער טאטע איז געווען זייער צובראכן פון זיין מצב אבער ער האט זיך געשטארקט מיט אמונה אז עס וועט זיין גוט.

ביים ענדע זענען מיר אנגעקומען און מיר האבן זיי צוגעשטעלט א רייכע פסח מיט אלע גוטע מאכלים און זיי האבן אונז געגעבן מצה. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אן אינטערעסאנטער זאך אז מען האט פון הימל צוגעפירט אז מיר זאלן בלייבן שטעקן אויפ'ן וועג אז ער זאל האבן א ברייטע הרחבה'דיגע יום טוב מיט אלע צוגעהערן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: צ.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
ספואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## בין אדם לחבירו – אין די ספירה טעג

**״וּסְפַרְתֶּם לָכֶם וגו׳ שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה״** כג, טו

שרייבט דער הייליגער **טור** (או״ח סימן תצג): ״נוֹהֲגִין בְּכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁלֹּא לִישָּׂא אִשָּׁה בֵּין פֶּסַח לַעֲצֶרֶת, וְהַטַּעַם שֶׁלֹּא לְהַרְבּוֹת בְּשִׂמְחָה, שֶׁבְּאוֹתוֹ זְמַן מֵתוּ תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא״. (זע **קצור שולחן ערוך** סימן ק״כ).

דער טעם פון אט די הלכה, ווערט ערקלערט אין ספר **כף החיים** (סימן תצ״ג ס״ק ה) ווי פאלגנד: ״וְכָל זֶה שֶׁעוֹשִׂין זֵכֶר, כְּדֵי לְהִתְרַחֵק מֵהַשִּׂנְאָה וְהַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַגַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד, וְלִקְנוֹת מִדַּת הָאַהֲבָה וְהָעֲנָוָה וְהַשָּׁלוֹם״.

״וְלָכֵן כָּתַב **בְּשַׁעַר הַכַּוָּנוֹת** (דף א ע״ג) לְהַזְהִיר מְאֹד בְּעִנְיַן אַהֲבַת הַחֲבֵרִים הָעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה בְּיַחַד, יְעַיֵּן שָׁם״, עכל״ק.

קומט אויס אז דער עיקר עבודה פון די יעצטיגע ימי הספירה איז, **זיך צו דערווייטערן פון שנאה, קנאה, תאוה, גאוה און כבוד, און קונה צו זיין די מדה פון אהבה, ענוה און שלום!**

און דאס וואס דער כף החיים דערמאנט דארט אין נאמען פון **רבינו האר״י ז״ל** אינעם הייליגן **שער הכוונות**, מיינט ער דאס וואס עס ווערט געברענגט דארט (בדרושי ברכת השחר), וזה לשון קדשו: ״קֹדֶם שֶׁהָאָדָם יְסַדֵּר תְּפִלָּתוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת מִפָּרָשַׁת הָעֲקֵדָה וָאֵילָךְ, צָרִיךְ שֶׁיְּקַבֵּל עָלָיו מִצְוַת **׳וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ׳** (להלן יט, יח). וִיכַוֵּן **לֶאֱהֹב כָּל אֶחָד מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּנַפְשׁוֹ**, כִּי עַל יְדֵי זֶה תַּעֲלֶה תְּפִלָּתוֹ כְּלוּלָה מִכָּל תְּפִלּוֹת יִשְׂרָאֵל, וְתוּכַל לַעֲלוֹת לְמַעְלָה וְלַעֲשׂוֹת פְּרִי״.

״וּבִפְרָט אַהֲבַת הַחֲבֵרִים הָעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה בְּיַחַד, צָרִיךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִכְלֹל עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא אֵבֶר אֶחָד מִן הַחֲבֵרִים שֶׁלּוֹ. וּבִפְרָט אִם יֵשׁ לְהָאָדָם יְדִיעָה וְהַשָּׂגָה, לָדַעַת וּלְהַכִּיר לַחֲבֵרוֹ בִּבְחִינַת הַנְּשָׁמָה״.

״וְאִם יֵשׁ אֵיזֶה חָבֵר מֵהֶם בְּצָרָה, צְרִיכִים כֻּלָּם לְשַׁתֵּף עַצְמָם בְּצַעֲרוֹ, אוֹ מֵחֲמַת חֹלִי אוֹ מֵחֲמַת בָּנִים ח״ו, וְיִתְפַּלְּלוּ עָלָיו. וְכֵן בְּכָל תְּפִלּוֹתָיו וּצְרָכָיו וּדְבָרָיו יְשַׁתֵּף אֶת חֲבֵרוֹ עִמּוֹ, **וּמְאֹד הִזְהִירַנִי מוֹרִי ז״ל בְּעִנְיַן אַהֲבַת הַחֲבֵרִים שֶׁלָּנוּ שֶׁל חֶבְרָתֵנוּ**״. ביז אהער איז לשון קדשו פון **מוהרח״ו זצוק״ל** דארט אינעם שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת.

-> ♦ <-

עס האט מיר דערציילט א תלמיד חכם, וועלכער איז איינער פון חשוב׳ע יונגעלייט אינעם באוואוסטן **מירער ישיבה**, אז יונגערהייט האט אים אמאל דער משגיח **הגה״צ רבי חיים שמואלביץ זצ״ל** געלאדנט אויף א מיטאג מאלצייט צו אים אינדערהיים. אזוי ווי עס איז געווען נָהוּג אין יענע צייטן, אז די ראשי ישיבה פלעגן צומאל אהיימנעמען צו זיך חשוב׳ע בחורים, עילויים, אז זיי זאלן קומען עסן מיט זיי, און דארט האבן זיי ווייטער גלערנט מיט זיי ביי זיך אינדערהיים, כדי זיי צו מקרב זיין און מחבב זיין.

ביים מיטאג מאלצייט, האט די חשוב׳ע **רבנית הצדקנית ע״ה** דערלאנגט דעם ספעציעלן געקעכטס וואס זי האט צוגעגרייט, און ווען דער רב האט געענדיגט זיין פארציע, האט ער זיך אנערופן צו איר מיט א שמייכל: דאס איז געווען זייער גוט! דאס איז דאך געזונט און עס שטארקט דעם גוף לתורה ועבודה, מעגליך איז געבליבן אביסל אין טאפ?

**אוודאי!** – האט די רעבעצן געזאגט מיט א שטראלנדן געזיכט, **איך האב א פולן טאפ!** און איז גערן געגאנגען ברענגען נאך א פארציע דערפון.

ווען דער רב האט געזען איר קענטיגע הנאה און פרייד, הערנדיג אז איר געקעכטס איז צום זאך און ווי ער האט הנאה דערפון, האט דער רב נאכן ענדיגן דעם צווייטן פארציע, זיך אנגערופן צו די רעבעצן: ״נאך א קליין ביסאלע... ס׳איז ממש מחיה נפשות״!

דער תלמיד וועלכער האט מיטגעגעסן מיט אים ביי זיין הייליג טיש, האט זיך געוואונדערט זעענדיג דער אינטערעסאנטער ערשיינונג, און האט נישט געקענט פארשטיין: פארוואס בעט דער רב נאך און נאך? – ער האט גוט געקענט דעם נפש פון זיין רבי׳ן און זיין פירונג, און גוט געוואוסט ווי ווייט זיין רבי איז פון אלע תאוות והבלי עולם הזה...

דער רב האט גוט באמערקט דער וואונדער פון זיין תלמיד, און ווען די רעבעצן איז געגאנגען אין קאך צו ברענגען די דריטע פארציע, האט ער אים שטילערהייט אריינגעזאגט אין אויער:

די רעבעצן האט זיך דאך אסאך אפגעגעבן דורכאויס דעם פארמיטאג צו צוגרייטן דעם געקעכטס, און זי קוקט אויס צו זען אז מען האט הנאה פון דאס וואס זי האט געמאכט! – פונקט אזוי ווי איך, וואס איך האב מיך געמוטשעט גוט אנצוגרייטן דעם שיעור וואס איך געב איבער אין די ישיבה, וויפיל הנאה האב איך ווען עס קומט צו א בחור צו מיר נאכן שיעור, און וויל נאכאמאל גוט פארשטיין וויאזוי די און די קשיא ווערט פארענטפערט... – און ביי איר איז דאך די געקעכטס אזוי ווי מיין שיעור! און זי האט שטארק הנאה און פריידט זיך ווען מען בעט פון איר נאך א פארציע!!!

**און מיטן דאס זאגן און זיך אזוי פירן, האט ער שוין געגעבן א גאנצן ׳שיעור׳ פאר זיין תלמיד, אינעם ענין פון תיקון המידות און הנהגות שבין איש לאשתו...**

-> ♦ <-

צום הייליגן **טשעבין רב זצוק״ל** בעל **׳דוב״ב מישרים׳**, איז אמאל אריינגעגאנגען איינער פון זיינע באליבטע תלמידים אין די הייליגע ישיבה, און האט אים איינגעלאדנט בהזמנה של מצוה צו זיין שמחת החתונה דער רב האט זיך זייער שטארק געפריידט מיט די שמחה פון זיין תלמיד, און האט אויסגעדרוקט זיין ווילן זיך צו באטייליגן אין די חתונה. נאר דא האט זיך דער תלמיד גענומען פארענטפערן, און ערקלערן אז ער ווייסט נישט וואס צו טון וועגן **סידור קידושין**, און דערביי האט ער אויסגערעכנט עטליכע סיבות איז ער געצוואונגען צו געבן דעם כיבוד פאר אן אנדערער רב, און ער קען זיך נישט טרעפן דאס פלאץ, וויבאלד ער וויל זייער שטארק מכבד זיין דעם ראש הישיבה מיט סידור הקידושין.

דער טשעבינער רב האט נישט געקענט פארשטיין, פארוואס זיין תלמיד איז אזוי צושטורעמט. און מיט א שמייכל אויף זיינע ליפן, האט ער געזאגט: און צו וואס דארף איך דען האבן דאס סידור קידושין? דער עיקר איז אז איך פריי זיך מיט דיר מיט דיין שמחה, און איך וועל זיך בעזרת השם באטייליגן ביי דיין חתונה, אויך אויב איך וועל נישט באקומען ׳סידור קידושין׳.

דער חשוב׳ער חתן האט איבערגעפרעגט און זיכערגעמאכט עטליכע מאל, אז דער רב האט חלילה נישט קיין שום ׳קפידא׳ דערויף, און דער רב פון זיין זייט האט אים בארואיגט און אים געשטארקט אז ער זאל איבערהויפט נישט זיין באזארגט דערוועגן, נאר ער זאל זיין רואיג און פארזיכערט אז עס איז דא נישט פארהאנען קיין שום אנהייב פון קיין קפידא חס ושלום, נאר ער זאל צוגיין צו זיין חתונה טאג מיט א רואיג און פרייליך געמיט.

ווען דער טאג פון די חתונה איז אנגעקומען, נאך איידער עס איז אנגעקומען די צייט וואס מען האט באשטימט פאר די חופה, האט מען שוין געקענט זען דעם גרויסן גאון, דער ראש הישיבה, ביים אריינגאנג צום חתונה זאל. ווי מען פארשטייט אליין, איז ער אויפגענומען געווארן דורכן חתן און דורך די מחותנים מיט גרויס כבוד און מיט א געוואלדיגע שמחה, און ווי נאר מען האט אים אוועקגעזעצט ביים אויבן־אָן, האט ער ארויסגענומען א ספר און זיך גענומען לערנען מיט גרויס התמדה און פרישקייט כדרכו בקודש.

אזוי איז דער רב געזעצן פארזינקען און געלערנט, און געווארט א לאנגע צייט, ביז דער קהל האט זיך גענומען פארזאמלען, און מען האט זיך גענומען גרייטן צו די חופה...

דער טאטע פון דער חתן, זייענדיג דער בעל שמחה, האט זיך געפילט זייער אומאנגענעם פאר די פיל צייט וואס מען האט דא צוגענומען פונעם ראש ישיבה דארפנדיג ווארטן אזוי לאנג, וויבאלד ער האט נישט געטראכט אז ער וועט קומען ביי די צייט וואס איז געשטאנען אין די לאדענונג, און אוודאי נישט פריער ווי די צייט... און איז צוגעגאנגען צום רב, און זיך גענומען פארענטפערן און ענטשולדיגן פארן שפעטיגן מיטן אנהייבן די חופה.

אבער ווען דער טשעבינער רב האט דאס געהערט, האט ער זיך פריינדליך צושמייכלט, און געזאגט: וואס עפעס זיך ענטשולדיגן? עס איז מיר דאך זייער גוט דא! ווען איך זיץ ביי מיר אינדערהיים, טוט מען מיר שטערן די גאנצע צייט מיט פארשידענע שאלות און פארלאנגען... אבער דא זיץ איך געשמאק און רואיג אן קיין שטערונג, און איך לערן לויט מיין געשמאק!

שפעטער האט דער רב ערקלערט פאר זיין תלמיד וועלכער האט אים באגלייט, אז די סיבה פארוואס ער איז געקומען אזוי פרי צו די חופה, איז געווען כדי ארויסצונעמען יעדער חשש פון דער הארץ פונעם חתן, טאמער ער האט טראצדעם עפעס א קפידא אויף אים פארן אים נישט מכבד זיין מיט סידור קידושין, דעריבער איז ער נאך געקומען פריער ווי די צייט, כדי צו ווייזן אז ער קומט זיך באטייליגן ביים חופה מיטן גאנצן הארץ, און דורכדעם וועט מען זען אז עס רירט אים אפילו נישט אן.

-> ♦ <-

עס האט מיר דערציילט א חשוב׳ער יונגערמאן א תלמיד חכם מפה עיה״ק ת״ו, וועלכער האט חתונה געמאכט עטליכע פון זיינע קינדער אין א מזל׳דיגע שעה, און כדי צו קויפן א דירה האט ער געדארפט ארויסנעמען א גאר־גרויסע ׳משכנתא׳ [מארטגעדזש] פון איינס פון די באנק, און דאס האט געדארפט באצאלט ווערן אין עטליכע גאר גרויסע באצאלונגען.

ווען עס איז אנגעקומען דער צייט פון איינס פון די באצאלונגען, האט ער געדארפט אריינלייגן אינעם קומענדיגן זונטיג א גרויסע

המשך אין עמוד ד׳

סומע געלט אין באנק כדי צו באצאלן דעם מארטגעדזש, אבער לָרָשׁ אֵין כֹּל... – אום פרייטיג ערב שבת איידער די צייט וואס ער האט עס געדארפט באצאלן, האט ער פראבירט זוכן פון אלע זייטן וועלנדיג שאפן די געלט וואס ער האט געדארפט, אבער צום באדויערן איז עס אים נישט געלונגען...

אהיימקומענדיג מיט ליידיגע הענט, האט זיך זיין ווייב זייער אויפגערעגט אויף אים, און פון גרויס צער, דרוק און ענגשאפט, איז זי געווארן אויסער־זיך פון אויפרעגונג, און זי האט אים גענומען פארשעמען מיט שטארקע בזיונות און דערנידערונג, פארן זיין אזא 'לא יוצלח' (שלימזל), און אזוי איז זי געגאנגען ווייטער און ווייטער... – אינדערצייט וואס עטליכע פון זיינע זין, טעכטער און אייניקלעך האבן זיך געפינען דארט אין הויז.

די ווייטאג און בושה איז געווען שרעקליך! – אבער דווקא דערפאר האט ער געשפירט ביי זיך אין הארץ, אז דאס איז א נסיון וואס מען האט דירעקט צוגעשיקט צו אים פון הימל! וויבאלד זי איז קיינמאל נישט געווארן אזוי אנגעצינדן אנטקעגן אים, און ער האט קלאר געזען און געפילט אז נישט אומזיסט שיקט מען אים יעצט צו מן השמים אזא מורא'דיגער נסיון...

דער נסיון איז געווען שווער און ביטער. דורכאויס דעם גאנצן פרייטיג, ערב שבת, האט זי נישט אויפגעהערט אים צו פארביטערן, פארשעמען און דערנידערן צוליב איר שרעקליכע ביטערניש. דער איד האט זיך אבער געהאלטן מיט מסירות נפש, און האט איר גארנישט געענטפערט.

שבת קודש האט שוין אויסגעשפרייט אירע פליגלען איבער די וואוינונגען פון כלל ישראל, אבער אינעם הויז פון דער יונגערמאן האט זיך נישט געפינען קיין מנוחה. די פרוי האט זיך נאך אלץ נישט בארואיגט, און דורכאויס אלע סעודות פון שבת האט זי דערקוטשעט איר מאן, און אים נישט אויפגעהערט צו פארשעמען און דערנידערן אין פארנט פון די אויגן פון די בני המשפחה.

דער הארץ פונעם יונגערמאן איז געווארן צובראכן און צוגאנגען אין אים, ער איז אבער בייגעשטאנען דעם שרעקליכן נסיון מיט גרויס שטארקייט, און גוט אפגעהיטן זיין מויל מיט אלע כוחות, און גארנישט געענטפערט אלע שענדליכע רייד, און דורכאויס אלע שווערע באגיסונגען האט ער פארמאכט זיין מויל ווי אויף שלאס און ריגל.

אום מוצאי שבת קודש, דער לעצטער נאכט פארן באצאלונגס טאג, האט זיך דער יונגערמאן נאכאמאל ארויסגעלאזט זוכנדיג די דאלערס... אבער אויך יעצט איז ער אהיימגעקומען מיט ליידיגע הענט, ווען די ישועה איז זייער ווייט, זאל דער אויבערשטער רחמנות האבן אויף זיינע קינדער און זיי ראטעווען פון זייער קלעם. אויך אין יענער נאכט, האט ער זוכה געווען צו נאך א פעטע 'פארציע', ביטער ווי די גאר ביטערע גראז, רחמנא ליצלן, ער האט זיך שוין אבער צוגעוואוינט זיך צו האלטן פעסט, און ער האט מקיים געווען דער מאמר **חכמינו ז"ל** (גיטין לו:): "הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים, שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵין מְשִׁיבִין, עוֹשִׂין מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִין בְּיִסּוּרִין, עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר (שופטים ה, לא) וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ". און אזוי ווי די ברייתא געבט צו דערויף אין **מסכת דרך ארץ רבה** (פרק שני): "וְהַמְּאוּסִין בְּעֵינֵיהֶם, וְהַנִּבְזִים בִּפְנֵיהֶם, וְהַכּוֹבְשִׁין אֶת יִצְרָן, וְהַמַּשְׁפִּילִין אֶת רוּחָם. עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב אוֹמֵר (ישעיה מט, ז) 'כֹּה אָמַר ה' גֹּאֵל יִשְׂרָאֵל קְדוֹשׁוֹ, לִבְזֹה נֶפֶשׁ לִמְתָעֵב גּוֹי, לְעֶבֶד מֹשְׁלִים מְלָכִים יִרְאוּ, וָקָמוּ שָׂרִים וְיִשְׁתַּחֲווּ'".




זונטיג אינדערפרי, איז דער איד אויפגעשטאנען גלייך אינדערפרי, און נישט אויפגעבנדיג די האפענונג, האט ער זיך געוואנדן מיט שווערע טריט, נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, צום גרויסן בית המדרש 'זכרון משה' אין ירושלים עיר הקודש, פראבירנדיג עוסק צו זיין אין די מלאכה פון 'קוֹבֵץ עַל יָד', א פרוטה און נאך פרוטה...

דורכגייענדיג צווישן די פארשידענע שטיבלעך, האט ער באגעגנט ביי איינער פון די מנינים אן אמעריקאנער איד וועלכער האט אים אריינגערוקט א מטבע אין האנט פאר צדקה. – דערפאר האט אים דער יונגערמאן הארציג באדאנקט מיט א לעכטיגן 'יישר כח' מיט א שמייכלדיג געזיכט, צוגעבן עטליכע הארציגע וואונטשן מיט אן איידעלן חן.

אט דער אמעריקאנער איד איז געווען צוגעוואוינט, אז נאכן געבן א נתינה, האט מען אים געבעטן נאך א בקשה, פרעגנדיג צי ער קען אפשר העלפן מיט א גרעסערע נתינה... און דא האט ער זיך געוואונדערט זעענדיג ווי ער איידעלער יונגערמאן פירט זיך אזוי שיין, און ער באדאנקט זיך און וואונטשט מיט א פריילִיך געזיכט און מיט א ליכטיגן פנים. ער האט אביסל נאכגעקוקט דעם יונגערמאן, און געפילט אז ער איז זייער חשוב.

נאכן דאווענען, האט ער אויסגעטוישט עטליכע ווערטער מיט אים, און איינגעזען אז דאס איז טאקע א יונגערמאן א תלמיד חכם וועלכער איז מִשְׂכְמוֹ וָמַעְלָה, און עס האט אים וויי געטון פארן בזיון כבוד התורה, אז א חשוב'ער תלמיד חכם דארף אויסשטרעקן זיין האנט אזוי ווי אן עָנִי וְאֶבְיוֹן, און דארף אנקומען צו מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם. צום וואונדער פונעם יונגערמאן, האט אים דער עושר פלוצלונג געפרעגט: וועגן וויפיל רעדט זיך עס?

דער יונגערמאן האט אים דערציילט דְּבָרִים כַּהֲוָיָתָן, אז ער האט היינטיגן טאג א גרויסן חוב וואס ער דארף באצאלן פארן מארטגעדזש וואס ער האט ארויסגענומען כדי חתונה צו מאכן זיינע קינדער, און ער האט געזאגט פארן עושר דעם סומע וואס עס רעדט זיך.

גלייך אויפן ארט, האט דער עושר ארויסגענומען פון זיין קעשענע זיין 'טשעק־ביכל', און גלייך ארויסגעשריבן א טשעק אויפן גאנצן סומע, **מֵרֵישָׁא וְעַד גְּמִירָא**!

און דער יונגערמאן איז געבליבן שטיין אין דער זייט, פול מיט התפעלות זעענדיג פאר זיינע אויגן די געוואלדיגע ישועת השם, און ער האט גוט פארשטאנען אז ער האט זוכה געווען צו אט די ישועה אין זכות וואס ער איז פעסט בייגעשטאנען דעם געוואלדיגן נסיון!

אזוי ווי ער **של"ה הק'** ברענגט (מסכת יומא סי' קצ"ז בשם אור הישר עמוד העבודה): **"מַחְלֹקֶת אַחַת דּוֹחָה מֵאָה פַּרְנָסוֹת"**, איז דאך **מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה**, אז דורכן זיך דערווייטערן פון די מחלוקת איז מען זוכה צו פרנסה בריוח ובהרחבה.

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח